STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02831

IN HEYMISHN GORTN

Shmuel Top

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל טאָפּ

אין היימישן גאָרטן

פֿאַר ס. [illegible]

[illegible]

ת״א, 27 יוני [illegible] – 1986

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל
קרן תל־אָביב לספרות ולאמנות ע״ש י. רבינוביץ
אַרבעטער־רינג, תל־אָביב
קולטורפאָנד ביים אירגון יוצאי לובלין בישראל

שמואל טאָפּ

אין היימישן גאָרטן

לידער און באַלאַדעס

ה. לייוויק - פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון יידישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

SAMUEL TOP

IN HEIMISHN GORTN

*

שמואל טאָפּ / אין היימישן גאָרטן

H. Leivik Publishing House
30 Dov Hoz Str., Tel-Aviv, 63416, Israel
ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב, רח׳ דוב הוז 30

©
כל הזכויות שמורות למחבר
Copyright by Samuel Top,
88 Frishman Str., Tel-Aviv 64165, Israel

נדפס בישראל, תשמ״ו — 1986
Printed in Israel, 1986

דפוס משה חמיאל . ת״א . טל. 330555



נישט בלויז בילדונג נאָר געפילן
מאַכן דעם מענטש.

זשאַן־זשאַק רוסאָ

אין היימישן גאָרטן

בענקשאַפט אין געזאַנג

ווען ס'נאָגט די בענקשאַפֿט אין געזאַנג,
וואָס פֿיבערט אין פֿאַלדן פֿון האַרץ —
וועקט אַן עכאָ אויף אַ ציטערקלאַנג
פֿון ווײַטן, פֿאַרכּישופֿטן גאַנג.

ווי זילבער־גלעקלעך וואָלטן געקלונגען
איבער דער ווײַסל פֿון הילצערנעם פּאַראָם:
ווי אַ קאַפּיטאַן געפֿירט האָט דאָן —
דער אַלטער שיפֿער ר' יאַנקל באָנק.

זיך שיפֿנדיק צום ברעג דעם צווייטן,
שיקט ער אַ פֿאַרבענקטע בשׂורה
צום גרינעם ברעג, דעם ווײַטן,
צו זײַן הײַזקע — אין דער קרומער שורה.

עס קלינגט דער גאַנג — ווי איך געדענק —
דער עכאָ קומט פֿון טאַטנס סעדער,
ווו איך האָב ווי אַ קינד געחלומט,
אַ דערוואַקסענער — נאָך זיי געבענקט.

ווען ס'וויגט זיך בענקשאַפֿט אין געזאַנג,
מיט מאַמע־טרײַשאַפֿט זינג איך מיט
מיט זיסע זאַפֿטן פֿון איר ניגון,
מיט זיבן חנען פֿון איר ליד.

תל־אביב, אפריל 1982

שענק מיר אַ בעכער ליכט

פאַר ד״ר אורנה גייער

ווי דער הימל — בלויע אויגן מײַנע
האָבן זיך געקוויקט מיט אַ שפּע פֿרייד
פֿון די זײַדענע פֿרימאָרגנס דײַנע
אין קאַיאַר פֿון זומערצײַט.

פֿון פֿרייד געשמייכלט צום באַשאַף,
אין וויג צו דער מאַמען — צאַרטער, שיינער,
צו מײַן טאַטנס פֿרוכטן אין די סעדער,
צו חדר־ייִנגלעך — חבֿרים מײַנע.

צום קאַלירטן בלוי פֿון קאַרשנביימער,
צום זומערפֿעלד מיט גרינע גרעזלעך;
צום בלומען־גאָרטן אויפֿן פּריצס הויף,
צום פֿלי פֿון דערשראָקענע העזלעך.

זיי האָבן פֿול מיט ליבשאַפֿט געשמייכלט,
מײַנע מיט זון־צעפֿיבערטע אויגן:
צו שעמעוודיקע, באַחנטע מיידלעך,
מיט שעלמישער פֿרייד די נעזלעך פֿאַרצויגן.

טאָ שענק מיר ווידער אַ בעכער מיט ליכט
פֿאַר מײַנע איצטיק־פֿאַרנעפּלטע אויגן.
זיי קאָנען נישט זען אויפֿן היימישן הויף,
ווען די פֿייגל־זינגער זענען פֿאַרפֿלויגן.

שענק מיר אַ בעכער זונגאָלדענע פֿרייד
פֿאַר מײַנע איצטיק־פֿאַרנעפּלטע אויגן.
וואָס זעען דורך קאַטאַראַקטן דאָס ליכט,
ווי דורך וועלאָנען דינע פֿאַרצויגן.

ת"א, יולי 1982

פריידגעזאַנג

אָ, לאַנד מײַנס,
פֿון מידבר צעגרינטער אַאַזיס.
ווי אַ מאַמען איך האָב דיך ליב:
ווען דער וועג צו דיר איז ביטער,
ווען ער איז ווי אַ חלום זיס —
באַגלייטן דיך געטרײַ מײַנע פֿיס.

וועל איך זינגען דיר ס׳ליד פֿון פֿרייד,
און זאָל מיט האַרץ דאָס יעדער הערן.
כ׳בין אַ פֿויגל וואָס פֿליט אַרויס באַפֿרײַט
און זינגט אַ פֿריידגעזאַנג אָן טרערן.

ס׳זאָל מײַן פֿרייד — אַ שנירל פערל זײַן,
ווײַל כ׳האָב געמוזט אויף שווערע וועגן
אַ געשמידטער, עלנט, גיין אַליין
צו דעם גרינעם פֿעלד פֿון לעבן.

אָ, לאַנד מײַנס:
הײַנט זינגט מײַן האַרץ מיט פֿולן דאַנק
צו דיר, צו דײַן צעפֿיבערט געמיט:
דאָס מאָל — פֿאַר דעם ליבן געשאַנק,
פֿאַר די שטראַלן פֿרייד אין מײַן ליד.

ת״א, אויגוסט 1984

אַ ווינטעלע

ווינטעלע, קיל ווינטעלע,
אַ דאַנק פֿאַרן קומען.
צי האָסטו געבראַכט מיר
אַ בינטעלע בלומען?

בלומען פֿון די הויכע בערג
צי פֿון טיפֿע טאָלן,
פֿון קינסטלער און מאָלער,
באַזונגען, באַמאָלן?

בלומען וואָס רעדן און לאַכן,
ווי פֿריילעכע קינדער,
טאַנצן אַרום מיר,
דערציילן פֿון וווּנדער?

פֿון בלומען־גאָרטן,
וואָס איז אַ מאָל געשען
אין דעם היימישן דאָרטן,
ווען זיי זענען קינדער געווען?

ווינטעלע, קיל ווינטעלע,
אַ דאַנק פֿאַרן קומען.
דו האָסט מיך באַפֿרײַט
פֿון גלײַיקע חמסינען...

ת״א, אויגוסט 1982

דער גילגול
(אַ קינדער־מעשׂהלע)

א

דערציילט מען קינדערלעך אַ מעשׂה:
„גזלנים אין אַ וויסטן וואַלד".
פֿאַרגיסן קינדער טרערן הייסע
און בעטן זיי רחמים באַלד

ביַי גזלנים, ביַי די מערדער
וואָס באַרויבן מענטשן דאָרט —
און זיי זענען גרייט צו ווערן
די באַשיצערס אויפֿן אָרט.

וועל איך קינדער איַיך דערציילן
וועגן אונדזער קו די וויַיסע,
אַז די קו וועט איַיך פֿאַרוויַילן —
קוואַלן פֿון געלעכטער הייסן.

ב

שוואַדאַק האָט די קו געהייסן,
וואָס האָט געוווינט ביַי אונדז אין שטאַל.
מילך געגעבן קוואַליק־הייסע
אַ פֿולן עמער אויף אַ מאָל.

ס'האָט מיַין מאַמע זי געמאָלקן,
גערופֿן צערטלעך זי ביַים נאָמען:
שוואַדאַקס פּנים — טריב פֿאַרוואָלקנט,
נישט געפֿרייט זיך, נישט באַנומען.

האָט מײַן מאַמע „גילגול" זי גערופֿן.
זי האָט גערעוועט הילכיק, מלא חן...
נישט באַנומען, נישט באַגריפֿן
מאַמעס פֿרײַנדלער, קלאָרן מיין.

ג

קומט שוואַדאַק איין מאָל פֿרי פֿון פֿעלד,
שטעלט זיך ווי אַ שאָטן לעבן טיר,
פֿאָרשט מיט נײַגער, ווי ס׳געפֿעלט
אַזאַ באַנעמונג הײַנט פֿון איר.

ס׳קאָצל קומט, באַגריסט מײַן מאַמע,
אין שטאָל אַרײַן וועסט אפֿשר גיין ?
ענטפֿערט זי מיט רעווען סתּמען,
ווי נישט איר מע וואָלט געמיינט.

שוין אָפּגעקילט זיך, שטאָט די הייסע,
אומעטיק אַוועק די זון פֿון דאָרט.
דער „גילגול" שווײַגט — דער טײַוול ווייסט אים
און רירט זיך ווײַטער נישט פֿון אָרט.

קומט מײַן טאַטע פֿון די סעדער —
שוואַדאַק, האַ ? וואָס איז געשען ?
„גילגול", ברוגזסט זיך שוין ווידער ? —
פֿרעגט דער טאַטע, — גיך אין שטאָל אַרײַן.

פֿון פֿרייד, שוואַדאַק גיט אַ יעלה
און וויגט זיך נאָך מײַן טאַטנס טריט
ווי אַ יונג־פֿאַרליבטע כּלה —
מיט שטיל געזאַנג אין איר געמיט.

ת״א, פעברואַר 1976 — דעצעמבער 1983

אַ בוים אין טרויער

אָפּגעשוירן צווײַגן, בלעטער,
פֿאַרצווייפֿלט שטייט דער בוים און וויינט.
זײַן הוילער קאָפּ — אין טריבן וועטער
קוקט אומעטיק אויף זיך אַליין.

ער קוקט אַרום זיך אויפֿן הויף,
אויף דעם גראָזיקן געווימל.
ער הערט נישט מער די קולות הײַנט
פֿון דעם הייסן קינדער־טומל.

עס טריקנט אים די זון דעם קאָפּ,
ווײַל ער קאָן אים נישט פֿאַרדעקן.
אים אָפּגעהאַקט די צווײַגנהענט
מיט פֿאַרגעלטע, גרויסע פֿלעקן.

שטייט עלנט אויפֿן הויף דער בוים,
ער האָט קיין שכן נישט צו פֿרעגן:
צי קאָן אויך אין אַ זומער־חלום
אַ פֿלייץ טאָן אַ האַרבסטיקער רעגן?

טרויעריק קוקט אויף זיך דער בוים,
אָפּגעשליסן, ווי אַ בעטלער.
ער טראָגט אַ חלום אין געמיט —
אַ קלייד פֿון גרינע סאַמעט־בלעטער.

ת״א, 1981

אַ לאַנד אַזאַ

איז אַ לאַנד אַ קליינס אַזאַ פֿאַראַנען
מיט טײַכעלעך שמאָלע און פֿאַרחלומטע טײַכן:
פֿלאַכע בערג מיט יונגן וואַלד אָן צאַמען,
עס זאָלן הירשעלעך יונגע זיי דערגרייכן.

פֿון פֿלאַכע בערג צו זאַפֿטיקע פּליינען
לויפֿן די הירשעלעך, ווי לאָשעקלעך גאַלאָפּ,
אָן פּחד פֿליִען זיי — אַ סטאַדע אין איינעם
פּיסלעך אָנגעצויגן, די קעפּלעך אַראָפּ.

פֿון שרעק פֿאַר מענטשן, ווי פֿייגל זיי אַנטלויפֿן,
ס'זאָל, חלילה, זיי קיין בייז אויג נישט שאַטן:
הירשנפֿלייש פֿעלן קיין בעלנים נישט צו קויפֿן
פֿון קדמונים אָן — יעגער זיי פֿאַרראַטן.

לויפֿן הירשעלעך פֿלינקע פֿײַל פֿון בויגן
מיט ציטער אויף ברוינע פֿעלן, די שיינע,
מיט תּמימותדיקע בליקן אין די שוואַרצע אויגן.
באַחנטע הירשעלעך, ווי קינדער קליינע.

רופֿן ייִדן ס'זוניקע לאַנד מיט טײַכעלעך שטילע —
ארץ־הצבֿי — דאָס שיינע הירשנלאַנד.
טרינקען הירשעלעך די זיסע וואַסערלעך קילע,
שפּילן זיך אין „יאָגעלעך" אויף גאָלדענעם זאַמד.

תּ"א, נאָוועמבער 1981

אַ שפּאַס

ווען איך וואָלט געווען,
ווען איך וואָלט געקאָנט,
וואָס וואָלט איך געמאַכט ?

דער מענטש זאָל וויניק רעדן
און וויניקער עסן
צוליבן געזונט.

וואָס ער האָט נעבטן
גערעדט בײַם עסן,
זאָל ער הײַנט —
פֿאַרגעסן.

איך וואָלט געמאַכט:
דער מענטש זאָל נישט וווינען
אויף איין אָרט,
ער זאָל נישט דאַרפֿן
תמיד דערציילן
מעשׂיות פֿון דאָרט.

דער מענטש
זאָל וואָס מער שלאָפֿן
און נישט דאַרפֿן הערן
דעם ראַדיאָ־פּלאָג —
מיט נײַן מאָס רייד,
אַכצן שעה אין טאָג.

ת״א, סעפּטעמבער 1984

אַ היימלאָז קעצעלע

עס חלומט אַ היימלאָז קעצעלע לעבן אונדזער הויז
וועגן אַ קעסטל מיסט, דעם הונגער זעטיקן מיט אַ ביסל שפּייַז.
ציט זיך מיט אַ ווייכן גאַנג, ווי פֿון נאַרע אַ מויז,
אייַנגעטוליעט אין געשטרייפּטן מאַנטעלע — שוואַרץ און ווייַס.

דאָס קעסטל מיסט — ווי אַ וואַך בייַם טויער
שטייט, און — אַ הויכער מענטש, ווי אַ בוים בייַם וועג.
ווערן קעצלס אויגן פֿול מיט הונגער־טרויער
און מיאַוקעט אַ געוויין אויס, ווי אַ קינד פֿון שרעק.

נעלם ווערט דער מענטש, אויך קעצלס שרעק בייַם טויער.
דער מענטש — ווער ווייסט אים, ווער ווייסט ?
וואָס וויל ער ? האַלט ס'קעצל אָנגעשפּיצט אַן אויער
און גייט פֿאַרזאָרגט צום קעסטל זוכן שפּייַז.

האָפֿערדיק גייט עס מיט טריטלעך ווייכע אויף צוריקוועגס,
אָנגעזעטיקט זיך — אויף אַ גאַנצן טאָג שוין הייַנט.
ס'קעצל טראַכט : אַזוי פֿיל שונאים הינטישע די טעג.
האָט עס מער ווי פֿינגער — קינדער פֿרייַנד.

ת״א, נאָוועמבער 1982

קינאה־שׂינאה

ווי קראָפּעווע פֿון אַ רײַפֿן פּעלד,
כ׳האָב די שׂינאה אויסגעוואָרצלט ריין.
ליגט זי אויף אַ בערגל מיסט — פֿאַרגעלט,
אַ שאָטן — אומעטיק־פֿאַרווײנט.

איך האָב פֿון האַרץ דעם וואָרצל — קינאה —
שוין לאַנג אַרויסגעריסן —
אַ געשאַנק די, וואָס לעבן פֿון שׂינאה,
ווי הינט פֿון אַ פֿעטן ביסן...

זיך באַפֿרײַט פֿון קינאה־שׂינאה,
דאַרף איך אַ בינטל ליכטיקע יאָרן.
אַרויסשעפּן דעם שוים דעם גרינעם
פֿונעם טיפֿן ברונעם — זכּרון.

אַרײַנאָטעמען שטראַלן פֿון הימלבלוי,
אַרויסרײַסן שוואָמען ווילדע פֿון זכּרון,
וואָס נעסטיקן אונטערן טוי
פֿון אָפּגעלאָפֿענע יאָרן.

ת״א, מאַרץ, 1985

ירושלים

אין דודס שטאָט, ירושלים,
רוען אַלע שבת.
בלויז אויטאָס, מאַשינען
גנבֿהנען זײַטיקע װעגן.

ייִדן פֿרומע, רופֿן
מיט אַ פֿלאַמיקן ירגזון:
„שבת, שבת, שבת!"
די פֿלינקע מאַשינען אַנטלויפֿן,
װי פֿאַר אַ יעגער די האָזן.

ת"א, 1985.9.2

אויפגאַנג
(באַלאַדע)

א

ווי אויפֿן גרינעם פֿעלד, גאָלדענע זאַנגען,
זענען שבֿטים־טעכטער — אויפֿגעגאַנגען —
די זין, ווי שלאַנקע פּאַלמעס, אין אַ יונגן וואַלד!
עס בליט דאָ אויף — אַ נײַ ייִד־געשטאַלט!
עלאַסטיש, ווי אַ הירש, פֿלינק און שטאַרק —
מיט הענט שטאָלענע, ווי די האַמערס האַרט.

דער מידבר, האָט געטווישט זײַן זאַמדיק פּנים —
דו ווערסט אים הײַנט שוין נישט דערקענען.
אויף פֿלאַכע בערג — וויגן ווינטן — וועלדער.
קאָלאָר־פֿלאַנצן, קושן מידבר־פֿעלדער.
אויף די פֿרײַע, זון־צעבליטע פּליינען,
לויכטן אויפֿגעבויטע נײַע היימען.

ליבלער, ווי אַ צווילינג: שוועסטער־ברידער,
לעבן שבֿטים דאָ — פֿון אַלע ווײַטן.
אויך אַ קיִן ווינט — צווישן גוטע הבֿלס, —
ווי אַ מאָל — אַ מאָל, אין אָדמס צײַטן.
נאָר ס׳דאַוונט יעדער שבֿט באַזונדער צו גאָט
פֿון אַבֿרהם, וואָס האָט דאָס לאַנד כּנען ייִדן צוגעזאָגט.

ב

נאָר טיף אין מיר לעבט — אַ געטאָ־צאַפּל!
פֿאַר דער ענגער קייט פֿון גוטע שכנים,
וואָס רינגלען אונדז אַרום — ביזן האַלדז.
ז׳גוט, וואָס פּחד צעוויגט זיך נישט בײַ קיינעם.
בײַ נאַכט, באַגריסן אונדז די שטערן קומען.

איך גלייב, בײַ אונדזער זון, די גלײַקע,
קאָן אין ווינטער אַ שלום־בוים זיך צעבלײַען.
און טעג באַשײַנען, די כמאַרנע, גרויע,
וועט די זון מיט הימלען ליכטיק־בלויע.

✶

פֿרימאָרגן. אויפֿן ראָז־בלויען האָריזאָנט
איז די זון מיט אַ שמייכל — אויפֿגעגאַנגען!

ת״א, יולי 1985

אויפן וועג פון באר־שבע

זומער־פֿאַרנאַכט.
די זון האָט דעם קאָפּ פֿאַרנייגט
צו מערב, פֿאַררייטלט
דעם האָריזאָנט
אין שטויביקן וועג.

מיט ציטער אין די אויגן
האָט אַ הירשעלע, אַ יונגס,
אַדורכגעהיפּערט
דעם פֿאַררייטלטן שטויב
אינעם פֿאַרנאַכט.

דער אויטאָ, ווי אויף אײַז,
זיך גליטשט
פֿון באר־שבע ביז תּל־אָביב.
בײַם ראַנד פֿון וועג —
אַ גריל אין שפּיל,
אין בלענד פֿון לעצטע שטראַלן.

מיד פֿון רעש געגעצט דער וועג.
די ביימער, טויב־שטומע,
אײַנגעקלאַמערט אין שווערן שווײַגן.
מידע פֿעלדער חלומען פֿון רעגן...

תּ"א, 17טער יוני 1984

שײנע װעלט

שיינע וועלט

שיינע וועלט,
איך האָב דיך ליב
ווי מײַן מאַמעס צויבערליד,
וואָס זי האָט מיר געזונגען —
פֿאַרכּישופֿט מיר דעם חלום
מיט דעם ניגון, וואָס פֿאַרוויגט
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע.

שיינע וועלט,
מײַן גאָלדן ציגעלע
אין טונקל־בלויקייט —
איז לאַנג שוין פֿאַרשוווּנדן.
געבליבן פֿון גאָלדיקייט
דער טרויער און די וווּנדן.

שיינע וועלט,
איך האָב דיך ליב
ווי דעם אומעט אין געמיט.
גוט ביסטו — ביז גאָר...
האָבן מעגסט
אַ בעסער יאָר.

שיינע וועלט,
איך האָב דיך ליב
ווי דאָס פֿעלד מיט זילבערטוי,
ווי די זון אין הימלבלוי,
ווי דעם חלום אין געמיט,
וואָס גייט מיר נאָך מיט שטילע טריט —
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע...

שיינע וועלט.

ת״א, פעברואַר 1984

אַ דאַנק דיר, לעבן

פאַר אַלון און גיל —
מיט ליבשאַפט

אין דעם בלויען פֿרילינגטאָג
מיט זון באַזוימט, ווי אַ כּלה־קלייד —
אַ דאַנק דיר, לעבן, פֿאַר דעם גנאָד,
פֿאַר דעם פֿולן בעכער פֿרייד,
פֿאַר דעם גאָלדענעם געשאַנק.
באַגלייטן אייניקלעך אַ פּאָר,
אַלון און גיל — יונג־צעבליטע ביימלעך צוויי
מיט ליבשאַפֿט און געזאַנג,
אין זוניקן בר־מיצווה־יאָר.

אַ דאַנק, מיט אַ הייסן קוש דיר, לעבן,
פֿאַר דעם גליק, פֿאַר דעם צווייטן גנאָד,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן —
טרינקען לחיים מיט די ליבסטע
אין ליכטיקן בר־מיצווה־טאָג.

תּל־אָביב, 13טער מאַרץ 1984

שפּילערײַען

כ׳האָב געעפֿנט פֿאַר זון די פֿענצטער,
פֿאַרהאַנגען באַפֿרײַט פֿון ווינטערטעג.
כ׳שפּיל זיך — אַ קינד מיט פֿליגעלעך קלענסטע —
און ס׳לויפֿט די צײַט מיט גאַלאָפּ אַוועק.

כ׳זיץ בײַם פֿענצטער. ס׳איז הײַנט פֿרילינג.
כ׳שעפּ פֿולע הענט מיט זונענפֿרייד.
אין דרויסן ווערט אַ ביסל קילינג,
ווען זון צום מערב זיך פֿאַרנייגט.

כ׳פֿאַרמאַך די פֿענצטער, שאָטן טונקלט אַרײַן.
מיט פֿאָרהאַנגען כ׳פֿאַרשטעל דעם וועג.
זאָל ער פֿילן דעם טעם פֿון זײַן אַליין...
שפּילט מײַן עלטער זיך מיט פֿרילינגטעג.

ת״א׳ 25טער מאַרץ 1985

מײַן ייִדיש לשון

פֿאַר מײַן ייִדיש־לערערין,
מײַן שװעסטער עלקע קאָזאַק,
זכרונה לברכה

שוין פֿון יאָרן כּמה ביז הײַנט,
ווי פֿון פֿרעמדער שפּראַכנוועלט
ווייעט אויף מיר אַ מילדע,
פֿינקלדיקע קעלט.

בלויז פֿון מײַן ייִדיש לשון
שטראַלט מיט מאַמע־וואַרעמקייט,
וואָס צינדט אָן פֿון נאָענט
און לעשט זיך פֿון דער ווײַט.

ת״א, 83.3.21

ליד

פֿון אַ לידערבוך — בלעטערן,
ביז צום אַרויף — קלעטערן,
אויפֿן שורה־לייטער.
צום תּוך פֿון ליד —
איז ווי צום הימל
אַ מהלך,
אַ ווײַטער.

ביים צעגלידערן אַ ליד
וועקט אויף, ווי פֿון שלאָף,
אַ יוגנט־שטימונג,
אַ ווילן נישט צו ווערן מיד —
צו פֿאַרטיפֿן זיך אין פֿערז
און דערלערנען דאָס ליד.

און פֿאַר דײַן מי —
אַ מתּנה
פֿון פּאָעטישן פּעגאַס —
זײַנע שטאַרקע פֿליגל צוויי.
פֿליִען ווײַטער און ווײַטער
אויפֿן שורות־לייטער.

ת"א, אויגוסט 1982

דאָס פשוטע ליד

די פשוטע ווערטער פֿון מײַן ליד
זענען קלאָר, ווי זילבערטוי —
אויף בלומען פֿון אַ זומערפֿעלד,
ווי ראָסע ריינע מאָרגנבלוי.

די פשוטע רייד פֿון מײַן ליד,
זיי זענען טײַער מיר און ליב —
ווי אַן אייגן קינד אַ קוש מען גיט
בײַם ערשטן שמייכל אין דער וויג.

ת״א, אָקטאָבער 1981

מידקייט

ווען איך ווער מיד פֿון ווייניק טאָן,
דאָס זעלבע טראַכטן טאָג ביי טאָג —
לייען איך תּמיד בעסער לידער,
הייבט אויף ס׳ניי מיין טאָג זיך אָן.

אין מיין דמיון כ׳פֿיבער איבער,
קלייב צונויף די גוטע לידער.
גוטע הייבן מיך אַריבער,
שלעכטע זאָגן מיט זיך ווידוי...

פֿידלען לירישע זיי זינגען,
ביי מענטשן וועקן בענקשאַפֿט אויף.
צו גרילצנדיקע פֿידל־טענער —
חלומות וועקן פֿונעם שלאָף.

ס׳באָרעט שורה זיך מיט שורה,
ווילן זיך אַריבערשטייגן,
העכער זיך אַריבערהייבן
מיט עפּעס שטראַלנדיקס און אייגנס.

ת״א, נאָוועמבער 1984

כ׳גלייב אין ליד

איך האָב לאַנג מיט ספק געוואָגלט,
זיך געראַנגלט פאַר גלייבן אין ליד.
אין גלי פון פלאַמיקן וואָרט,
אין גלי פון ריטמישער סטראָפע.

מײַן פרײַנד, איך זאָג עס דיר אָפן:
איך גלייב אין אייביקן לעבן.
אין ערלער־פּאָעטישן ליד,
וואָס לעבט אין דער מוזיק
פון פלאַמיקן וואָרט
מיט ריטמישע סטראָפן.

✶

אייביק וועט בלײַבן דאָס יידישע ליד.
הייליק מײַן גלויבן און האָפן.

ת״א, מאַרץ 1984

אין בלויען שפיגל

איך טראָג די פֿרייד פֿון טאָג אין מײַן געמיט,
די זאָרגן — אין די קנייטשן פֿון מײַן פּנים.
יאָרן — היגלען אויף די אַקסלען — איך היט,
ווי מײַן יוגנט־חלום אונטער דער לבֿנה.

איך שפּיגל מיך אין בלויקייט פֿונעם טאָג,
מיך וואַרעמען די שטראַלן פֿון זון און זין...
מײַן טאָג פֿאַרגייט מיט רויטער שקיעה,
געפֿאַנגען פֿון נאַכט, ווי אין נעץ אַ שפּין.

ת״א, דעצעמבער 1983

אַ שטראַל פון ליכט

ס׳האָט חשכות מיך איַינגעזאַפּט, ווי אַ שוואָם,
אין פֿינצטערן פלאָנטער כ׳זוך מײַנע טריט.
צווישן ווענט בלינדע איבער אַ תּהום
צעשטויסן ווערט מײַן שלוודיק געמיט.

פּלוצעם, מיט שטילע טריט חשכות זיך צעגייט.
אויפֿן הימל צאַפּלען מיריאַדן שטערן.
מײַן ראשית־חלום — שטראַל פֿון ליכט,
און מײַן ליד הייבט אָן מקוים ווערן.

אותיות גייען איבער גרינע פּליינען,
ווי זעלנער מאַרשירן זיי אין רייען.
ווילט זיך טייל מאָל ווײנען, ווײנען,
טייל מאָל — אין אַ קאַראַהאָד זיך פֿרייען.

ת״א, אָקטאָבער 1981

מיט שלום־עליכמען

ר׳ טבֿיה פֿאָרט מיט מיר אויף דאַטשע,
באַוויינט דעם גורל פֿון די טעבטער.
זײַן וואָגן שלעפּט — מענדעלעס קליאַטשע,
די רעדער פלאַצן פֿון געלעכטער...

אַ קאַסריליק זינגט אַ לידל
שפּאַצירנדיק אין מיטן גאַס.
צעוויינט זיך סטעמפּעניו אין פֿידל,
קאַסריליק ברומט אַרויס פֿון באַס.

ר׳ טבֿיה שלעפּט די קאַנען מילך
צוזאַמען מיטן עול־פּרנסה.
מנחם־מענדל דרייט אַ ווינטמיל
און האָט אויף שבת נישט — פֿאַר וואָס זשע ?

נאָר ער דרייט זיך און ער פֿרייט זיך,
וואַרפֿט „מיליאָנען״, ווי די ביינדלעך...
אַהיים אויף יום־טובֿ צוגעגרייט זיך —
צו באַשײַנען שיינע־שיינדלען.

ת״א׳ אַפּריל 1960

די שלום־קאַרוזעלע

איך נעם אַרום דיך, שיינע וועלט,
און, ווי קלוגע קינדער, קליינע,
שפּיל איך מיט די קינדערשפּיל
אויף דער שלום־קאַרוזעלע דייַנער...

רייַטן מיר אויף לאָשיקלעך
מיט „פֿייַער־לעשער" — איין קאַפּעליע.
אויף לאָשיקלעך, די הילצערנע,
פֿון דער שווינדל־קאַרוזעלע...

מיט די שומרים — פֿייַער־לעשער
פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ קאַראַהאָד,
אַ שטורעמווינט — פֿאַרדרייטע קעפּ.
פֿאַרכּישופֿט טאַנצן מיר אין ראָד...

און פּלוצעם גיסט אַ קאַלטן שטראָם
אַ וואַסערשלאַנג, אַ שטייַפֿע.
פֿאַרהיטן וויל דעם כּור־אַטאָם
צו שטאַרבן פֿון אַ שרפֿה...

איך נעם אַרום דיך, שיינע וועלט,
און, ווי די קינדער, קליינע,
שפּיל איך מיט די קינדערשפּיל...
אויף דער שלום־קאַרוזעלע דייַנער.

ת"א, יוני 1982

מאַמע־ערד

מאַמע ערד,
זע, ווי דײַנע גאונישע מענטשן־קינדער
קאָנען פֿון אוניווערס אויסמעסטן די וועגן,
קאָנען מעלקן וואָלקנס, ווי מע מעלקט די קי,
זיי זאָלן אין אַ נויט אונדז געבן רעגן.

זיי קאָנען די גענען, ווי קאָרטן צעטאַשן,
פֿון ווײַבלעכע טראַכטן צו וויסן די מינים.
הײַנט קאָנען ראָבאָטן די מענטשן פֿאַרטוישן,
זיי זאָלן אָן אַרבעט אַראָפּגיין פֿון זינען.

מאַמע ערד,
ראַפֿינירט־קלוג די מענטשן־קינדער זענען.
אַ מאַמע־מענטש קאָן שוין פֿון סימנים דערקענען
דאָס צוקונפֿט־קינד — צי אַ חכם, צי אַ נאַר,
אַ טיפּש, אַ קנעכט, צי אַ קלוגער האַר,

צי דאָס נײַ־געבוירנס וועט זײַן אַ רשע,
אַ בעל מזג־טוב? זי קאָן וויסן,
צי וועט ער מאָרדן מיט אַ מעסער, ווי אַ כּעסן
אָדער — פֿון אַ באַהעלטעניש מענטשן שיסן?

מאַמע ערד,
זע, דו זאָלסט נישט ווי אַ נביאה, אַ בייזע, שעלטן
דײַנע מענטשן־קינדער; נאָר, ווי אַ מאַמע בענטשן,
ווײַל זיי לעבן פֿאַרסמטע אין שׂינאה־געצעלטן
מיט תּאווה פֿון קינאה — פֿאַרביטערטע מענטשן.

מאַמע ערד,
אפֿשר פֿון ליבשאַפֿט צעטיילסטו דײַנע אוצרות צו די מענטשן־קינדער.
באַפֿרײַ זיי פֿון שׂינאה־קינאה צו לעבן בשלום.
צי איז די בענקשאַפֿט אַזאַ בײַ מענטשן אַ װוּנדער?
אָדער אַ פֿאַטאַ־מאָרגאַנאַ, אַ פּאָעטישער חלום?

ת״א, אַפּריל 1983

דער אָדלער און דער חלל

א

מאַמע ערד,
זע, ווי דײַנע מענטשן־קינדער, די אומרויִקע
לויפֿן פֿון דײַן שויס צו טיפֿע, בלויע הימלען,
די אינסופֿיקע, צו קאָסמישע, פֿרעמדע ווײַטן,
צו די שטערן־גאַלאַקסעס, וואָס רינגלען דיך אַרום,
פֿון אייביק ביז אייביק — פֿאַרלווירענע צײַטן.

מאַמע ערד,
דײַן מלכות קאָן באַשפּײַזן די מענטשן־קינדער
פֿון דײַנע זאַפֿטיקע טאָלן, פֿעטע פֿעלדער,
מיט אַ רעגן־בויגן קאָלירטע פֿרוכטן, זאַנגען.
יעדער קינד דײַנס, וואָס גיט אַ פֿרײַע האַנט דער מי —
זאָל קאָנען מיט פֿרייד צו די פּירות דערלאַנגען.

זע, ווי דײַנע גײַציקע און קלוגע קינדער
קאָנען נישט, ווי די הויז־חיות לעבן בשלום,
פֿירן מלחמות, ווי די כעלעמער נאַראָנים.
מיט זייער הייס בלוט זיי באַפֿרוכפּערן דײַן גוף,
און רויט, ווי חרפּה — דײַן שיין־צעשטראַלט פּנים.

ב

מאַמע ערד,
ס׳האָבן די קינדער געחלומט, ווי פֿייגל צו פֿליִען.
וואַנדערן זיי הײַנט איינזאַם אויף קאָסמישע וועגן
העכער פֿון אָדלער־קעניג פֿון באַרגיקע הייכן.
עס קאָן שוין קיין פֿויגל דעם מענטש נישט דעריאָגן,
דעם מענטש קאָן קיין אָדלער אין פֿלי נישט דערגרייכן.

מאַמע ערד,
וואָס זוכן הײַנט די נײַגעריקע מענטשן־קינדער,
ערד־פֿעלדער אויף די אומבאַקאַנטע שטערן־וועלטן?
אפֿשר בענקען זיי נאָך דער שיינער „גרויסער בערין״?
אפֿשר צו בויען דאָרט בונקערס, היימישע געצעלטן
אין שכנות פֿון זיבן־כּישופֿדיקע אויגן־שטערן?

אפֿשר פֿליִען זיי, דײַנע בעלי־חלומות, גערן
דאָרט אַהין אויף אַ פּורים־מאַסקנבאַל,
ווי אַ מאָל העפֿלעכע ריטער־קאַוואַלירן
קושן די האַנט פֿון דער געטלעכער שיינהייט —
די גאָלד־צעפֿינקלטע „גרויסע בערין״?
קומט צוריק ווי אַן אָדלער מיט פֿליגל צעשפּרייטע —
אַ וויל־פֿאַרבענקטער צו דײַנע וואַרעמע געצעלטן —
מאַמע ערד.

ת״א, אַפּריל 1982

וועטגעיעג

לעבן און טויט
גייען צוזאַמען,
ווי אַ מענטשנפּאָר —
אַלע טעג פֿון יאָר.

זיי גייען אַ וועטגעיעג
אין גאָטס נאָמען.
ווער קומען פֿריִער וועט,
אָדער זיך פֿאַרזאַמען
און קומען צו שפּעט...

ת"א, אָקטאָבער 1984

פוילן

1939—1941, יזכּור־ליד
(באַלאַדע)

געהייליקט מיינע ברידער —
דעם יונגן פּראָזאַיקער פּייוול
און דעם דזשאַז־מוזיקער לאָזער

א

די בלויע הימלען פֿון טאַטנס סעדער
האָבן פֿרייד געוועקט צום לעבן:
צו דזשאַזמוזיק, צו ליד, צו פּראָזע — יעדער
באַזונדער, אויף סטעזשקעס און וועגן.

ווען אַלע בלויע נעפּלען — יאָרן לאַנג
צום לאַנד פֿון קונסט געגאַנגען —
מיט פֿאַרליבטע הערצער געחלומט,
פֿון דער מוזע געפֿאַנגען.

ב

איר זענט צום מיזרח אַוועק,
געשפּאַנט צו דעם ברעג,
ווײַט פֿון פֿעלקער־שׂינאה,
וואָס די ברוינע בעסטיע
האָט אין מערבֿ פֿאַרזייט,
מיט שוואַרצע כמאַרעס
די הימלען באַדעקט.

פֿאַרצוימט דעם וועג צו דער זון,
צו דער פֿרייַהייט פֿון מענטש,
ער זאָל מער נישט חלומען דערפֿון.

געאָרמעט, מיט ביקס אין האַנט,
זענען זיי אַוועק צום מיזרח־לאַנד.
צו דער לעצטער שלאַכט זייערער
פֿאַרשטומט איז געוואָרן זייער מוזע
אין אַ טויטן־חלום בייַ נאַכט...

ת״א, יולי 1975

אונדזער נאַרעוו

א. ער האָט אונדז פאָטעלעך אין זיינע וואסערן געבאָדן..
ב. און חרוב די מצבות אויפן פעלד...
ג. אָ׳ פאַרשווענק אונדז מער נישט נאַרעוו...

חיים גראַדע

אויך מיך האָט דער נאַרעוו אין מײַן היימשטאָט געצערטלט
ווי אַ מאַמע, אויף זײַנע כוואַליעס געוויגט און געבאָדן.
זײַנע בלויע פֿאַרטאָגן געוועקט מיט קושן מיך פֿון שלאָף.
מײַנע האָר מיט בלויקייט ר׳האָט געצוואָגן —
די זון האָט זיי געפּאַליעט, געקרײַזלט, ווי בײַ שאָף.

מיט דער בלויקייט פֿון נאַרעוו אײַנגעזויגן כ׳האָב דעם קלאַנג
פֿון די כוואַליעס, אַזעלכע ווייכע, אין זײַן ריטמישן גאַנג.
די ביינער מיר געשטאַרקט, מײַן גוף אויפֿגעצויגן.
אין האַרבסט, דעם גאָלדענעם, ס׳געזאַנג פֿון פייגל כ׳האָב געהערט,
וואָס פֿאַרבײַ דעם נאַרעוו זענען קיין דרום אָפּגעפֿלויגן.

ס׳איז לאַנג שוין פֿאַרשוווּנדן די פֿרייד פֿון די קינדער
בײַם נאַרעוו — אונטער גלײַזקער זון דער ראָזיק־רונדער
וואָס שווימען ווי פֿיש אין דער לויטערקייט פֿון טײַך.
נישטאָ מער די שיפֿלעך מיט די פֿריידיקע געזאַנגען —
אין בלוטיקער שקיעה פֿון מערבֿ זיי זענען פֿאַרגאַנגען.

ב

מצבֿות ייִדישע זענען הײַנט טראָטואַרן אין פּוילישע שטעט,
וואָס פֿירן צו קלויסטערס, פֿולע מיט זינדיק געבעט.
צו גאַזאָוויוונס, ווו ייִדן זענען ווי ליכט אויסגעגאַנגען;
צו גויעס וואָס וואַשן פֿון ייִדן צוגערויבט גרעט
און שווענקען עס אין נאַרעוו — פֿאַר די פּאַניעס און פּאַנען.

הײַנט שווײַגט פֿאַרשעמט אָט דער טײַך. ר'איז פֿאַרשטומט.
בײַ נאַכט קלאָגן שטערן אויפֿן גרויליקן אַרום,
ווו עס שווײַגן, ווי קינדער שלאָפֿנדיקע, געשחטענע קהילות.
בײַם נאַרעוו נישט מער קיין ייִדן צו ימים־נוראָים,
וואָס זאָלן צום אייבערשטן אויסוויינען זייערע ביטערע תּפֿילות.

ג

דאָס ייִדישע געבעט, אַש צעטראָטן, ליגט אויפֿן חורבן־וועג,
ווו דאָס בלוט פֿון ייִדן וואָס דער נאַרעוו האָט פֿאַרשווענקט,
ווי עס פֿאַרשווענקען זײַן בלויקייט די פֿלאַמען פֿון מערבֿ.
בלויז דעם טרויער פֿון יתומים ר'האָט אונדז געלאָזן אויף יאָרן —
אַ שיפֿל פֿאַראַנקערט — בײַם באָרט פֿון זכּרון.

תּ"א, דעצעמבער 1982

פֿאַווע פֿון מײַן דיכטערטרוים

(פּאָעמע)

וואַרשע. עלעקטריע שײַנט דאָ מיט לבֿנה־בליק,
לאָזט נישט פֿאַרגיין מיט נאַכט די פֿענצטער.
גרינע שטערנליכט פֿון בויענדיקער בריק
טרײַבן פֿון די חורבֿות טויטגעשפּענסטער.

פֿאַרטאָג. מײַן פֿענצטער לויכט מיט ווײַסלטוי,
די נאַכט אין ווינקלען פֿון דער שטוב פֿאַרצויגן.
מײַן דערוואַכטער בליק רוט אין מאָרגנבלוי,
טרײַבט די פֿינצטערניש פֿון מײַנע אויגן.

אין שויבן מיניעט זיך דער האָריזאָנט מיט רויט,
ס׳אַנקערן צום רויט זיך די בליקן.
אין פֿענצטער וואַקסן רושטאָוואַניעס אויס
און פֿלעכטן איבער דער ווײַסל נײַע בריקן.

ס׳וואַרטן אומגעדולדיק בלויע טעג —
רויטן האָריזאָנט אַדורצושיפֿן;
וואַרט אַ דאָרשטיקער רעכטער ווײַסלברעג,
די מערבֿ־טראַסע זאָל מיט לעבן אים אָנגיסן.

אַנטקעגן פֿענצטער — לינקער ווײַסלברעג,
הײַזער־פּאַנאָראַמע וואַקסט אויף שטאָקן.
ס׳גייען רושטאָוואַניעס אויף, ווי בלויע טעג,
בישופֿן פֿון חורבֿות נײַע הײַזערבלאָקן.

טורעמס פֿון בעטאָן וואַקסן אין דער הייך,
שטאָטפֿאַבריקן שפּײַען שוין מיט ווײַסן רויך,
דערוואַרעמען דורך מי די טריבע בליקן.
שליאַכן נײַע שלענגלען זיך צו ווײַסלבריקן.

יאָרהונדעטער זינגט די ווײַסל אין איר לויף,
ווען פֿרײַהייט חלומט זי אָן צאַמען.
ס'גייט בײַ ווײַסלברעגן נײַ דאָס לעבן אויף
און טראָגט עס ווײַט אַוועק צו ימען.

אין וואַרשעס האַרץ גייט אויף מיט שטילער פֿרייד,
מיט שטאָלץ פֿון קעמפֿער און פֿון בויער,
ס'ציִען חורבֿות אָן אויף זיך אַ ווײַסע קלייד —
וואַשט איר פּנים אָפּ פֿון טיפֿן טרויער.

וואַרשע. פּאַווע פֿון מײַן דיכטער־טרוים.
זע, רויטע פֿאָלקן איבער דעכער פֿליִען.
ס'הייבט דײַן קאָפּ זיך אויף פֿון חורבֿה־תּהום:
צי וועט אַ ייִדיש לעבן זיך צעבליִען?

וואַרשע, נאָוועמבער 1948

געזעגענונג

אַדיע מײַן טרוים, דו ביסט טויט.
צעאַשט דיך האָט אַ ים פֿון בלוט און טרערן.
אין וואַרשע קאָן קײן ייִדיש לעבן מער נישט בליִען.
אויף בית־עלמינס קאָן קײן לעבן זיך נישט פֿרײען,
אויף קבֿרים װער אַ ייִדיש הויז װעט בויען?

װאַרשע, אָקטאָבער 1950

ווען געטאָ־וואַרשע האָט געברענט

ווען געטאָ־וואַרשע האָט געברענט,
איז אויף דער צווייטער זײַט פֿון אָפּגעברענטע ווענט
געשען — איך דערמאָן מיט צער און בושה יענע נאַכט,
ווען איבער ייִדישע היימען, דורכן פּעבל צערויבט,
זענען די שרצים געשטאַנען אויף דעכער
און ווי קראָען, קראַקנדיק געלאַכט.

דאָס לאַכן שנײַדט זיך אײַן אין גוף,
צעטרייסלט און שענדט די מענטשלעכע נשמה,
צעבלאָזט דאָס שׂינאה־פֿייער אינעם האַרץ,
וועקט אויף דעם שלאָפֿנדיקן ווילן צו נקמה.

וואַרשע, כ׳צערטל נישט אין האַרץ קיין שאָדנפֿרייד,
דאָס שׂינאה־פֿײַער האַלט איך אויף אַ שטילן פֿלאַם.
איך האָב געהאַט חבֿרים, קעמפֿערס פֿון דײַן אומה —
ווי ברידער — שטאָלצע קינדער פֿון דײַן שטאַם.

ווען געטאָ־וואַרשע האָט מיט ייִדן געברענט,
איך דערמאָן מיט ווייטיק און בושה די נאַכט,
ווען אויף דער צווייטער זײַט פֿון געטאָ־מויער
איז דאָס פֿון ייִדן־שׂינאה צעפֿיבערטע פּעבל
געשטאַנען אויף דעכער, געחוזקט, געלאַכט.

ת״א, דעצעמבער 1981

דערוואַכונג

מיט אומרו וועקט אַ בונקער זיך.
געשמידטע ציִען הענט זיך צו דער פֿרײַ,
דער עכאָ קלינגט צווישן פֿאַלנדיקע ווענט,
חורבֿות טרוימען פֿון אַ גרין־צעבליטן מײַ.

אין וואַרשע כ׳האָב געזען אַ מײַ
פֿון נײַנצן הונדערט אַכט און פֿערציק.
ס׳האָט דער מענטש געלאַכט שוין פֿרײַ,
קינדעריש און אָפֿן־האַרציק.

געווען איז דאָס אַן ערשטער מײַ
מיט רויט אויף בלוי־צעבליטע רוימען.
געאָרעמט אויף גאַסן מאַרשירט די פֿרייד
איבער די פֿאַרשיטע תּהומען.

איך האָב געזען אַן ערשטן מײַ
מיט פֿרייד־צעשטראַלטן שלום.
פֿאָעטישע וויזיע באַפֿרײַט
פֿון לאַנגגן ווינטער־חלום.

וואַרשע׳ מיי 1948

אַ גוט־מאָרגן, גענעראַל יורגען סטראָפּ

א

כ׳קום זאָגן אייַך גוט־מאָרגן, גענעראַל,
ווי מען זאָגט אַן אַלטן גוטן פֿרייַנד.
אייַער נאָמען אויף דער וועלט באַוווּסט איז איבעראַל,
איר זענט סימבאָל פֿון ייִדנהאַס ביז הייַנט.

סימבאָל פֿון מאָרדן קליינע קינדער,
דורך שפּאַלטן אויף די שטיינער זייערע קעפּ;
פֿון לעבעדיקן מענטשנלייַב — דער שינדער
און פֿאַרברענען שלאָפֿנדיקע שטעט.

קווילער פֿון מייַנע אַלטע טאַטע־מאַמע,
פֿון אויף אַש פֿאַרברענטע ווענט.
טייַכן ייִדיש בלוט פֿליסן אין די ימען,
פֿאַרגאָסענע דורך אייַערע הענט!

איר שמייכלט פֿאַלש, ווי אַ קאַץ, הער גענעראַל,
צו איַעדן. אַוודאי ס׳הינטיש לעבן אייַך אַ שאָד.
איז גערעכטיקייט פֿאַר אייַך גרויס געפֿאַר.
אייַער גורל, ווי אַ ברענענדיקע געטאָשטאָט.

ב

קדושים, צום מישפּט זאָלט איר קומען!
זאָל עדות זייַן די שענדונג פֿונעם מענטש.
מיט אונדזער הריגה — דעם שטומען ציטער
זאָלן ריכטער צום מישפּט זייַן געבענטשט.

פֿון בונקערס הייבט זיך אויף, פֿאַרשיטע.
די לעבעדיקע מתים זאָלן גיין
שפּאַנענדיק דורך חרובֿע גאַסן פֿון דער געטאָ
צום מישפּט — אין ליכט פֿון בלויער שײַן.

צום יום־הדין קומען אָן די געטאָהעלדן —
אָדלערס מיט אָפּגעזוענקטע פֿליגל.
זיי שפּאַנען איבער שרפֿות, איבער וועלדער,
זיי ברענגען צום געריכט דעם יושר־זיגל...

גערעכטיקייט גייט אויף פֿאַר אונדזער לעבן.
צום מישפּט שטייט דער גענעראַל יורגען סטראָפּ.
אים דאַרף גערעכטיקייט אַ תּיקון געבן —
אַ טויטנקראַנץ אַ שוואַרצן אויף זײַן קאָפּ.

וואַרשע, נאָוועמבער 1948

וואַרשע

אין דעמער פֿון אַ שטילער שעה
ווען איך דערמאָן זיך היינט אין וואַרשע:
יעדער גרעזל, יעדער בוים אין גאַס,
אַפֿילו אַ שפּיציק־שאַרפֿער שטיין,

וואָס האָט אַ מאָל דערוועקט אַ כּעס
צופּט היינט אַרויס פֿון האַרץ אַ טרויער.
אומקום־חורבן צאַפּלט אויף אין מיר
מיט צער און מיט אַ נישט־דערוויינט געוויין.

ת"א, אויגוסט 1981

טראַטואַרן

כ׳האָב געזען פֿון מצבֿה־שטיינער טראָטואַרן.
גויים פֿון מײַן שטעטל שפּאַצירן אויף זיי פֿראַנק און פֿרײַ,
גייען געאָרעמט, לאַבן, ס׳זאָל זיי אַרן
ס׳געוויין פֿון האַרץ, ווען איך קוק אויף זיי.

די לבֿנה העל באַשײַנט דעם וועג.
אונטער טעמפּע טריט — די מצבֿה־שטיינער
קרעכצן, שרעקן מײַן חלום בײַ נאַכט, פֿאַרוויסטן די טעג.
אויפֿן וועג צום בית־עולם קלײַב איך ייִדן־ביינער.

ברענג זיי צו קבֿורה אויף אַ בערגל אַ ווײַסן
ביינער־נשמות צו רוען בשלום.
נאָענט פֿון חרובֿן שטעטל, אויף זאַמד דעם הייסן.
כ׳פֿאַרלאָז מײַן ווינגלהיים — אַ וויסטער חלום.

נאָווידוואָר, זומער 1950

בײַם טאַטן אין סאָד

מיטן װײַזפֿינגער מײַן טאַטע, װי באַפֿעלט:
זע מײַן קינד, דער פֿרוכטנסאָד, דער שײנער —
נישט געבוירן, געװאַקסן, אויף אַ װילדן פֿעלד
באַװױנט מיט אַלטע, אויסגעקרימטע בײמער.

די סעדער־משפּחה — עלעהיי אַ שותּפֿותדיק קינד.
פֿון מענטשלעכן װילן, פֿון רעגן, זון און װינט.
זײ האָבן די בײמער געפֿלאַנצט און געפֿלעגט
אין האַרבסטיקע, אין אומעטיקע טעג.

באַשיצט, באַשירעמט קעגן שטורעמװינטן
האָבן מענשטנהענט די יונגע, צאַרטע צװײַגן.
געזױגן פֿון דער געטרײַער מאַמע־ערד
האָבן שװאַכע בײמלעך, װי קינדער זיך דערנערט.

װען אָפּגעריסן פֿון אַ קײט און זיך צעהוליעט
ס׳האָט אַ בײזער הונט — אַ קאַלטער װינט —
האָט בוים צו בוים, װי מענטש צו מענטש זיך געטוליעט;
װינט האָט זײ געװיגט, װי מע װיגט אַ קינד.

אין פֿרילינג געשניטן די טרוקענע צװײַגן,
די װוּנדן — אַ הײלונג — מיט פֿײַכטן שטרוי באַצױגן;
קעגן װערעם אין קאַלך די בײמער געבאָדן,
זײ זאָלן פֿרוכטן זיסע געבוירן אָן שאָדן.

ת״א, יוני 1983

מייַן טאַטע דאַוונט אין סאָד

מייַן טאַטע, דער בעל־מנגן,
דאַוונט מיט אַ ניגון, אַ שטילן —
סודעט זיך מיט גאָט דורך אַ ניגון,
אייַנגעהילט אין טלית־און־תּפילין.

דער טאַטע דאַוונט מיט כּוונה
זייַנע זינד אויסצוקויפֿן...
מייַן מאַמע היט אין פֿענדל די מילך,
זי זאָל פֿון דאַרטן נישט אַנטלויפֿן.

מיטאָגצייַט. זון גייט אַראָפּ פֿון דער הייך,
און מייַן טאַטע — פֿון לייטער אויך.
פֿאַר נאַכט, צו מעריבֿ געגאַנגען
איז מייַן טאַטע מיט דער זון צוזאַמען.

ת״א, אָקטאָבער 1977

אַ בוים אין סאָד

א

פֿריילער קוקט די זון פֿון הימל,
ווען פֿרילינג וואַכט פֿון ווינטער אויף.
עס וועקט זיך ערדישער געווימל...
וועקט אַ בוים זיך אויך פֿון שלאָף.

עס ווישט דער בוים די אויגן אויס
מיט דעם ווײַסן האַנטעך — ווינט.
אַלע צוויטן אויף דיביימער,
ווי אַ מאַמע־מענטש — איר קינד.

אונטער זון, וואָס היילט אויף וווּנדער,
וויגט זיך מאַמע־בוים אין שווײַגן.
ס׳וויגן מיט זיך אירע קינדער —
צוויטן, בלומען — אויף די צווײַגן.

ווען דער בוים פֿאַרגייט אין טראָגן,
ווערן שטאַרקער צווײַגן־ביינער;
היטן, ווינט זאָל נישט צעיאָגן —
יונגע צוויטן אויף די ביימער.

ווערן פֿרוכטן זאַפֿטיק, רײַפֿער,
שווער די צווײַגן זיי צו טראָגן.
פֿרוכטן־קעפּ, מיט גאָלד געשטרייפֿטע —
בעט זיך רעגן זיי צו צוואָגן.

ב

ס׳טרעפֿט בײַ נאַכט אַ ווינט, אַ בייזער,
שפּאַציִרט זיך פֿראַנק און פֿרײַ אין סאָד.
צווײַגן טרייסלט ער כּסדר,
דרייט בײַם בוים זיך קאַראַהאָד.

שלײַדערט ווילד פֿון בוים די עפּל,
וואָס פֿאַלן שווער אויף גרינעם גראָז.
שפּאַלט בײַ איינעם זיך דאָס קעפּל,
בײַ אַ צווייטן — דער שפּיץ פֿון נאָז.

בעט זיך מאַמע־בוים בײַם ווינט:
זע, דער זון־געשטרייפּטער עפּל,
מײַן אויסגעצערטלט קינד,
זאָל נישט פֿאַלן אויפֿן קעפּל.

ת״א, דעצעמבער 1982

ראַנדעלע נאַר
(באַלאַדע)

א

ראַנדעלע נאַר, ראַנדעלע נאַר,
פֿלעגן קונדסים אים רופֿן דערפֿאַר:
ר׳האָט געכיכיקעט, געלאַכט אויף יאָ און אויף ניין,
געוויזן אַ זעג מיט פֿאַרזשאַווערטע ציין.

ס׳האָט ראַנדל געשטאַמט פֿון אַ יִחוסדיק פּאָר —
פֿון פֿלעמקע דעם שיכּור און ביעלייקע די הור.
זײַן זיידע באָרדיאַנץ געקומען פֿון פּרײַסן
די פֿעלדער בײַם ווײַסל, ווי אַ היישעריק בײַסן.

בײַ פּויערים גערױבעוועט זאַפֿטיקע פֿעלדער,
געבויט זיך אַ פּאַלאַץ פֿון פּוילישע וועלדער.
די שפּײַכלערס זײַנע מיט תּבֿואה געוואָקסן,
שטאַלן מיט פֿערד, מיט חזירים און אָקסן.

ב

פֿלעגט באָרדיאַנץ קיין פּרײַסן פֿאַרקויפֿן די תּבֿואה —
פּויערשע אַרבעט — פֿון קאַיאָר ביז דער שקיעה.
אין ווײַסל געפֿאַנגען די בײַכיקע פֿיש,
פֿאַרקויפֿט זיי צו ייִדן — שבת צום טיש.

די מעברותדיקע סעדער פֿאַרדינגט ער אַ ייִד.
חול־המועד פּסח ווען דער בוים האָט געבליט,
ס׳זאָלן ייִדן, חלילה, נישט ווערן צו רײַך.
צאָל אים פֿאַר צוויטן מיט גאָלדשטיק צו גלײַך...

און טרעפּט זיך אַ זומער מיט האָגל־געוויטער —
האָבן ייִדישע טרערן, ווי רעגן געציטערט.

ג

אַ דור איז פֿאַרגאַנגען, אַ דור איז געקומען,
באַרדיאַנצס געביין האָט די ערד צוגענומען.
ווערט פֿלעמקע דער שיכּור פֿון פּאַלאַץ דער האַר.
אויף דער קרוין וואַרט זײַן יורש — ראָנדעלע נאַר.

איז פֿלעמקע געוואָרן בײַם ווײַסל דער האַר,
האָט צעכיכיקעט זיך הילכיק ראָנדעלע נאַר.
ר׳האָט געכיכיקעט, געלאַכט אויף יאָ און אויף ניין,
געוויזן אַ זעג מיט פֿאַרזשאַווערטע ציין.

האָט פֿלעמקע געשיכּורט, געהוליעט, געטאַנצט.
דאָס גערויבטע פֿאַרמעגן געבליבן איז גאַנץ.
ס׳האָבן שטומיקע חיות געפֿרעסן צו זעט,
גערוט אין די שטאַלן מיט שטרוי אויסגעבעט.

פֿאַר פּויערשער אַרבעט — הונגער דער לוין
מיט אַ צוזאָג פֿון גלח — די געטלעכע קרוין.
בונטעווען פּויערים זיך מיט קאָסע קעגן דײַטש,
קומען פּוילישע פּריצים צו הילף מיט דער בײַטש.

ד

אַ דור איז פֿאַרגאַנגען, אַ דור איז געקומען.
פֿלעמקעס געביין האָט די ערד צוגענומען.
נאָך פֿלעמקען דעם שיכּור, פֿון פּאַלאַץ דער האַר,
קריינט מען זײַן יורש — ראָנדעלע נאַר.

ראַנדעלע נאַר, ראַנדעלע נאַר —
פֿלעגן קונדסים אים רופֿן דערפֿאַר.
ר׳האָט געכיכיקעט, געלאַכט אויף יאָ און אויף ניין,
געוויזן אַ זעג מיט פֿאַרזשאַווערטע ציין.

ווען די היטלער־חיילות
האָבן ס׳שטעטל פֿאַרנומען,
האָט ראַנדעלע נאַר געשאָנקען
גריבער פֿאַר ייִדנס אומקומען.

ה

ווען אויף שטעטלשן מאַרק
האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ אַ האַקנקרייץ־פֿאָן,
האָט ראַנדעלע נאַר
פֿאַזירט אויבנאָן

ראַנדעלע נאַר, ראַנדעלע נאַר —
קיינער שוין מער נישט גערופֿן דערפֿאַר,
ווײַל צווישן אַ יאָ און אַ ניין
איז ראַנדעלע נאַר
פֿון שטעטל געוואָרן דער האַר.

וואַרשע, יאַנואַר 1949

געוויין פון דורות

דער בלוטיקער שניט
פֿון דריטן חורבן —
נאָך נישט פֿאַרבײַ.
איך זע אים טאָג און נאַכט
מיט פֿאַרוויינטע אויגן צוויי.

מײַן פֿאָלק אין טרויער
וועט דורות הונדערט —
די רישעות געדענקען.

אין יאָרצײַט־טעג
פֿון דריטן חורבן —
זיי דערמאָנען.

בײַם רבונו של עולם:
פֿאַר זײַן אים געטרײַ —
גערעכטיקייט מאָנען,
בוודאי, בוודאי.

ת"א' נאָוועמבער 1984

באַלאַדע וועגן אַ דינסטמיידל

„כ'וועל נישט באָרגן,
כ'וועל נישט לייען,
די באַלעבאָסטע
וועט אויף מיר שרייען"
(פון אַ פאָלקסליד)

אָ, יתומה אָרעמע, געהאָרכזאַמע
אַנגעקומען ביסט פֿון הונגער און נויט
צו וויגן פֿרעמדע קינדער, ווי אַ מאַמע
ביזן גראָען צאָפּ — אַן אַלטע מויד.

דו — ערשטע זינגערין פֿון פֿאָלקסליד
מיט אַלע חנען, ייִדישע, באַזונדער.
האָסט פֿאַרגעסן ס'ייִדיש-לשון — ביסט מיד,
מיידל שיינס — קינד פֿון אַלע וווּנדער.

הערן הײַנט דײַן ייִדיש ליד, דײַן פֿאָלקסגעזאַנג,
איך וואָלט טעג און נעכט, בלינד נאָך דיר געוואָגלט.
דײַנע אומעט-לידער פֿון בענקשאַפֿט און באַנג.
ווי אַ שיכּורער כ'וואָלט געזופּט זיסן ווײַן פֿון לאָגל.

ווּ ביסטו, מיידל? ס'ייִדיש ליד פֿאַרגעסן?
פֿאַר וואָס פֿאַרשטומט געוואָרן איז דײַן געזאַנג?
צי איז דער שטערן — פֿאָלקסגעזאַנג — פֿאַרלאָשן?
צי ביסטו מיטן פֿאָלק אַוועק אין חורבן-גאַנג?

תל-אָביב, מאַרץ 1985

פייגל

פאַר מיכאל וויינאַפּעל

ווען ס׳פּיקט פֿייגל־געזאַנג דײַן האַרץ — נישט קלאָגן.
ס׳קומען מער קיין פֿייגל נישט
פֿאַר דײַן אומעטיקן ווײַסן פֿענצטער,
ווי אַ מאָל אין בלוי־זוניקע פֿאַרטאָגן.

אַ מאָל, אַ מאָל פֿלעגן פֿייגל און טויבן
זיך שטעלן פֿריילעכע פֿאַר אונדזער שטוב
און אויפֿזינגען אַ גוט־מאָרגן
דורך די טונקל־גרוי פֿאַרהילטע שויבן.

ווי אַ מאָל, אויף די הייף, גאַסן־זינגער,
זיי האָפּסלען פֿריילעכע, טרעלן אַ געזאַנג,
פּיקן קערנער, וואָס מײַן מאַמע גרייט צו,
ווי ס׳אָנבײַסן פֿאַר די קליינע קינדער.

הײַנט שרעקן זיך די פֿייגל, ווי מענטשן
פֿאַר אָדלערס מיט פֿליגל שטאָלענע,
פֿאַרדעקן די קעפּ מיט פֿליגלהענט,
וואָס זאָלן, ווי מאַמעס, שיצן און בענטשן.

ווידער קומען פֿייגל פֿריילעכע, טרעלן
אַ מאָרגן־געזאַנג פֿאַר מײַן זוניקן פֿענצטער,
ווי מיידלעך פֿאַרבענקטע נאָך ליבע,
ווי ס׳חנדלען פֿון קינדער וואָס ווילן געפֿעלן.

ת״א, אַפּריל 1984

איך גיי...

אויף האַרבסטיקע וועגן איך גיי —
מיט שיכּורע טריט גיי איך אָפּ.
די זון — אַ ברוינער קאַשטאַנבלאַט,
לײַכט איבער מײַן גרויען קאָפּ.

פֿון אונטער וואַקלדיקע טריט
אַנטלויפֿט אַ שוואַרצער שאָטן אין שרעק.
ער דרייט נישט אָפּ דעם קאָפּ
צו פֿינקלדיקער ליכט אויפֿן וועג.

איך גיי נישט פֿילנדיק
וווהין עס פֿירט מײַן גאַנג.
און דאָך טו איך קערעווען
מײַן גורל, מײַן פֿאַרלאַנג.

ת"א, מאַרץ 1979

ליבשאַפט

ליבשאַפּט

אַ מענטשלעך האַרץ צעפּיבערסטו
און גיסט נישט קיין רו —

נישט אין זוניקע טעג,
אין אומרויִק־שלאָפלאָזע נעכט,

נישט אין פֿאַחלומטע נעכטנס,
וואָס ווערן אַ בלומען־געפּלעכט

און גיבן דאָס מענטשלעכע האַרץ
פֿון גליק — אַ צעפּיבערטע שעה,
פֿול ליבשאַפּט און אומרו.

ווען דער שטורעמווינט פֿאַרגייט,
לעשט דעם פּיבער אויס די צײַט.

ת"א, מאַרץ 1982

ער און זי

א

אויפֿן בערגיקן ים־ברעג
מיט פֿריש־געשניטן גרינעם גראָז,
מיט תּאווה פֿון איר זומערלײַב —
אַ דאָרשטיקער ער זויגט
צעגליטע טראָפּנס ליבשאַפֿט.

די בלויע ים־כוואַליעס
וויגן זיך שטיל, קרעבצן מיט
צום ריטעם פֿון צוויי הערצער,
וואָס לעשן פֿון זיך אויס
לעצטן ליבעשטראַל.

ב

סעפּטעמבער־נאַכט.
פֿון איר ברוינעם זומערלײַב
יאָגט אַ ווינטערקעלט — ציטערט,
ווי אַ סייסמאָגראַף פֿון היץ
דאָס פֿאַרגיין פֿון פֿרייד.

אין די פֿאַרצווייפֿלטע הערצער —
דאָס גליטשן זיך פֿון שלאַנג,
וואָס פֿאַרגיפֿטיקט און פֿאַרסמט
זײַן אויפֿגעוואַכטע וועלט
פֿון ליבשאַפֿט און געזאַנג.

ג

דער בלויער ים
האָט פֿאַר צער מיט פֿינצטערניש
פֿאַרדעקט זײַן פּנים און שטיל באַווײנט
זײַן פֿאַרלאָשענע וועלט. ליבשאַפֿט —
די שענסטע מתּנה פֿון באַשאַף.

ת"א, יולי 1972

צו אַ ייִדישער פרוי

דײַן זינגענדיק לשון, דאָס ייִדישע,
קלינגט ווי אַ סימפּאָניע, אַ לירישע.
דײַן וויגנדיקער יוגנטלעכער גאַנג —
פֿון עראָס דאָס שענסטע געזאַנג.

טאָ זינג צו מיר דײַן ייִדיש לשון.
באַוועג זיך ריטמיש אין דײַן מיידלגאַנג.
אײַנזאַפּן דיך וועט מײַן זכּרון,
ווי דאָס שענסטע פֿרויען־געזאַנג.

תּל־אביב, אויגוסט 1984

צאַרטקייט

דײַנע צאַרטע פֿינגער —
אויף מײַן נאַקן.
דײַנע שווײַגנדיקע רייד
וועקן אויף אין מיר
די דרימלענדיקע פֿרייד.

ת"א, נאָוועמבער 1984

ליבע־ציטער

דאָס דינע ניגונדיקע נאָגן
האָב איך פֿאַרטרויט
צו די פֿאַרחלומטע עפּלביימער
אין בלי —
אין פֿרילינגס ווײַסן צוויט,
אין מײַן טאַטנס סעדער
וויזנדאָרפֿישע.

די הייסע געוועבן פֿון ליבשאַפֿט
אין מײַן יוגנט־געמיט —
געקילט
אין זילבער־כוואַליעס
פֿון דער דער תּמימותדיקער ווײַסל.
דעם זיסן פֿיבער־ציטער
פֿון ליבשאַפֿט אין האַרץ —
פֿאַרבאָרגן,
פֿאַרשלאָסן
הינטער פֿאַרצוימטע ליפּן
פֿאַר מענטשלעכע אויגן.

הײַנט, ווען ס'וויאַנען די ביימער,
בליִען מיט טויט
אין מײַן טאַטנס סעדער,
הענג איך אויף
מײַן ליבע־ציטער
אויף די בלויע ווינטן
פֿון האַרבסטיקע טעג.

ת״א, פעברואַר 1985

ליבשאַפט אין פאַרגיין

ליבשאַפֿט,
ווי די זומערזון,
האָט צעשטראַלט מײַן גוף,
געצערטלט די נשמה,
באַפֿליגלט מײַנע האָפֿענונגען.

לבֿנה־נעכט —
זענען בלויע געווען.
די פֿאַרטאָגן,
האָבן מײַן גוף
מיט זילבער טוי באַשפּיגלט
ווי די זומערפֿעלדער.

די לבֿנה —
אַ פֿאַרליבטע, האָט
געוויזן מיר דעם וועג,
באַגלייט מײַנע טריט
און זיך געאײַלט צוזאַמען
מיט די צעזונגענע שטערן אין הימל
צו דער טרעפֿונג —
מיט דער ליבשאַפֿט.

די ליבשאַפּט — אַ מאָל
עלעגיש־פֿאַרבענקט —
פֿאַרזיגלט הײַנט איר פּנים,
ווי די לבֿנה
צווישן כמאַרנע וואָלקנס —
בײַם פֿאַרגיין.

תּל־אָבֿיבֿ, יוני 1985

אומשולד

ווינטער־אָוונט אין טעאַטער,
ווי ס'האָט אַ קאָמעדיע, ווי אַ פֿויגל —
אין פֿלאַטערפֿלי —
האָט זי ווי אַ קינד זיך געפֿרייט,
אויפֿן קול זיך צעלאַכט,
אַ וואָרף געטאָן אַ שאַרפֿע שפּיז:
„ס'איז הײַנט אונדזער לעצטע נאַכט.

אומזיסטע רייד, מײַן פֿרײַנד.
מיר זענען איצט איינער פֿונעם צווייטן ווײַט.
בין איך אײַך נאָך עפּעס שולדיק?" —
און זיך ציניש־פֿרעמד צעלאַכט.

ער האָט אַ ברוגזער געזעגנט זיך, געוואָלט
אַ קוש טאָן איר די האַנט
לויטן אַלטן ריטערלעכן עטיקעט, און
געזאָגט:
„אַ דאַנק,
איר האָט מיר שוין באַצאָלט."

די לבֿנה — אַן אַנטוישטע —
פֿאַרכמורעט ט'געשוווּמען אויפֿן הימל
מיט אַ פֿאַרשלאָסן מויל
געשמייכלט האַלב
און אַוועק טאַנצן
מיטן גאָלדענעם קאַלב.

ת"א, אָקטאָבער 1972

צעשיידונג

ווי אַ בליץ — זי איז שטיל אַוועק
מיט אָנגעלאָדן — הייס געפּעבט.
קוים זי קומט נישט מער צוריק:
אַזאַ אומגליק, אַזאַ גליק...

אַוודאי — נישט דעם נאָענטסטן חודש,
אפֿשר אין דעם לאַנגן יאָר?
נישט אין טאָגליכט, נאָר אין חושך —
אָפּגעפֿאַרבט די גרויע האָר.

זענען פֿיבערטעג ־פֿאַרבײַ,
נעכט מיט אַנגסטיקע חלומות.
כ׳שוועב אין תּהום צווישן זיי,
ווי אין טונקלע דלת אַמות.

צײַט און צאָרן שוין פֿאַרבײַ
מיט אַ שמייכל פֿאַרהוילן זי גייט —
אַ ברוגז פּנים — שטום געשריי —
אַ פֿײַער־קראַטער, שפּײַען גרייט.

✶

ווי ס׳וואָלט געוויינט אַ פּיצל קינד,
צעביסן פֿון אַ בייַזן מאָל —
הילכט דער טעלעפֿאָן און קלינגט
מיט איר נערוועזן הייסן קול.

תּל־אביב׳ 16טער סעפּטעמבער 1981

פֿאַר וואָס ?

רחלען

פֿאַר וואָס נאָגט ליבשאַפֿט מיר דאָס האַרץ,
ווי בינען די בלומען אין זומער,
ווען זון באַשײַנט דעם בלומען־קוסט ?

פֿאַר וואָס איז דײַן ליבשאַפֿט צו מיר
אין מײַן שפּעטן האַרבסט געקומען,
ווי אַ פֿאַרשפּעטיקטער זומער־רעגן ?

פֿאַר וואָס איז דײַן ליבשאַפֿט געצוימט —
געצוימטערהייט ברעכט זי אַ מויער
און קומט צו מײַן פֿאַרשלאָסענעם טויער ?

פֿאַר וואָס צעפֿיבערט זיך מײַן האַרץ,
ווען דו קומסט מיט אַ שמייכל צו מיר,
און ס'פֿאַרטושן זיך צײַטן פֿון יאָר ?

פֿון שפּעטן האַרבסט ווערט פֿרילינג,
פֿון שוואַנען־לידער אין מײַן האַרץ —
בלומען בליִען אין מײַן פֿילינג. פֿאַר וואָס ?

ת"א, פעברואַר 1986

בואי אַחותי כלה

גערענקסט, אויף העלבלויע שטאָלענע בריקן
מיר זענען — מלאכים — פֿאַרליבטע געגאַנגען,
מיט קלאַנגען פֿון זילבערנע כוואַליעס זיך קוויקן:
קלאַנגען וואָס האָבן באַרוישט און געפֿאַנגען.

הײַנט ליגן די חלומות־בריקן צעריסן.
ס'וואַנדערן די כוואַליעס פֿאַרעקשנט און שטום.
אַ פֿויגל פּיקט אונדז — נאַקעטער געוויסן —
אין שטילער נאַכט, אין פֿינצטערן אַרום.

דו ווערסט הײַנט דעם טיפֿן טײַך אַריבערשווימען,
און, ווי אַ מאָל, אַ מאָל — שוועסטער, כלה מײַנע,
טבֿילה־שווימען און ווי אַ גוטער חלום קומען,
ווי אַ תּפֿילה — תּמיד, תּמיד אַ ליכטיק־ריינע...
בואי אחותי כלה.

תּ״א, אָקטאָבער 1981

בײַ לבנה־ליכט

א

שפּעט אין אָוונט אויף אַ ליגשטול,
אין אַ זומער־נאַקעט קלייד,
ז'איז געלעגן ווי אַ האַרבסטפּעלד
אויסגעצויגן נאָכן שניט.
דורך פֿאַרזשמורעט־לאַנגע וויִעס
געקוקט פֿון גאַניקל צום ליכט,
וואָס טוליעט זיך צום הויז:
צו דער בלינדער פֿלעדערמויז,
מיט אָפֿענע אויגן,
וואָס איז מיט שרעק אין האַרץ
די ליכטיקייט פֿאַרבײַגעפֿלויגן.

ב

נאָך האַלבער נאַכט,
זי האָט זיך פֿון ליגשטול אויפֿגעהויבן,
ווי אַ שוועבנדיקער זומער־וואָלקן;
אַ פֿאַרחלומטע מיט בלינדע טריט
אַוועק אין ווײַסן מיידל־צימער.
ער — אַ שטורעם־פֿויגל אין געיעג
איז פֿאַרכישופֿט נאָכגעפֿלויגן.

אַ, ווונדער פֿון אַ ליבעשפּיל,
פֿול מיט נסים...
דורך פֿאַרריגלטע וויִעס — דאָרשטיק.
ער — קושט אירע שוואַרצע אויגן.
פּלוצעם, פֿאַרשווינדט לבֿנה־ליכט
דורך די ווײַסע שויבן.

ג

אין די קליינע אָוונט־שעהען
אײַלן זײַנע טריט דורך פּוסטע גאַסן.
היימישע הײַזער שלאָפֿן שטיל,
אויף זײַן קאָפּ פֿאַלן שטערן אויסגעלאָשן...
אין האַרצן נאָגט,
ווי אַ וואָרעם, חרטה־געפֿיל...

תּ״א, נאָוועמבער 1972

ליבשאַפט און באַדויער
(סאָנעט)

דו האָסט גאָלדענע טעג אונדזערע — צעדריוועלט.
פון גאָלדענע צויטן — גאָרנישט אויסגעהאָפּטן.
האָסט געטרוימט פון אַ ליבע אין אַ זוניק שטיבל
מיט בלויע ווענט פון חלומות אויסגעפלאָכטן.

פון דראָטן זײַדענע זיך גענייט אַ רעגן־מאַנטל,
ער זאָל פון דײַנע לעבן־שטורעמס דיך באַשיצן.
הילסטו הײַנט חלומות אין אַ שטײַף געוואַנטל,
וואָס פאַרברענט דײַן בלומענלײַב אין זומערדיקע היצן.

די שעהען פון באַדויער יאָגן אָן אַ קעלט.
קאָן שוין הײַנט וואַרעמען פרייד פון יענע טעג ?...
אַז ליבשאַפט־געזאַנג האָט געציטערט און געטרעלט.

מיט פויגל־געפלאַטער — צו הימלען אַוועק
און ס'נאָגט נאָך אין האַרצן דײַן צאַרטע וועלט,
וואָס וועקט אין מיר באַדויער — טונקלט זיך און העלט...

ת״א, אפריל 1982

דאָס שוואַנענליד

אין קאַרוסעל־געיעג — אָן זינען
פֿון גרויסשטאָטישן ווירוואַר —
אין אַמאָקלויף פֿון מאַשינען,
ציט זיך שטיל צו מיר איר קאַר.

זי ציט זיך שטיל — אַ ווײַסע קאַץ, —
צום ראַנד פֿון טראָטואַר — אַהין,
ווו איך שטיי אין ציטער־פֿיבער,
ווי דער פּראָפּעלער פֿון איר מאַשין.

פֿון ווינקל גאַס — אַהער זי פֿליט,
אין שפּיגל־פּראָפֿיל — זי לאַכט צו מיר.
אַ רעדער־קרעכץ, ווי מײַן געמיט,
באַגלייט די געעפֿנטע טיר.

✶

אין גרינעם פּאַרק — מיר סודן זיך,
אַ בלויער אָוונט, שלאָפֿט אין וויג.
אין זילבער־שפּיגל פֿונעם פּאַרק־באַסיין
זינגט שטאָלצער שוואַן זײַן אָוונטליד.

תל־אביב, פעברואַר 1965

אַ פּאַווע אויפֿן וועג

(באַלאַדע)

א

ווי אַ פּאַווע
מיט צעבראָכענע פֿליגל
אויף רוקן פֿון אַ בוים,
געשטאַנען ביסטו אויפֿן וועג
פֿאַר טויערן אָפֿענע פֿון נאַכט.
און פּלוצעם
דערזען דיך אין אָוונט־שאָטן.
איבער דײַן אָוואַלן קאָפּ
האָט העל געלויכטן אַן עלעקטרישער לאָמפּ,
ווי אַ שטערן איבער דיר געוואַכט.

כ'האָב מיט פֿאַטערזאָרג געהערט דײַן קרעכץ,
געמיינט, דו ביסט פֿאַרוווּנדעט שווער.
געפֿרעגט: „דו פֿילסט זיך שלעכט?"
געפֿונען אויפֿן וועג דעם באַשייד
פֿאַר דעם חלום אין די נעכט.

ב

נעכט קאַלטע,
די לבֿנה — אָנגעברוגזט
גליטשט זיך אויפֿן הימל.
אומעט באַגלייט דעם גרינעם שטערן
פֿון מײַנע חלומות.
הײַנט באַלויכט מיר מײַן שטערן די נעכט,
די טעג — זוניק און העלער.
מײַן וועלט שוועבט אין דמיון.
איך וואַנדער
דעם וועג פֿון טיפֿע תּהומען.

✶

נאַכט, פֿאַרנעם מײַן שטיל געבעט,
וועק מיך נישט פֿון חלום,
וואָס איז זוניקער פֿון מײַן זײַן בײַ טאָג.
זע, כ׳זאָל נישט קריגן קיין שאָק —
אַן אייביקע פּלאָג.

תּ״א, יולי 1984

ווען איך חלום

זײַדענע חלומות אין מיר
וועבט זיך אין בלוי — אַ חלום וועגן דיר.
פֿול איז ער מיט חנען —
אַ געוועב פֿון דינעם, בלויען פֿאָדעם
מיט צאַרטער ליבשאַפֿט אין איינעם.

לאָמיר פֿאַרקײַקלען דעם באַל פֿון חלומות,
מיט ליבשאַפֿט פֿאַרבינדן די זאָרגן פֿון טאָג,
זיי צעפֿאַלדן ווי וועלאָנען דאָס פּנים,
פֿאַרהילן דעם שמייכל פֿון די אויגן,
וואָס זענען מיט חלומות פֿאַרצויגן.

לאָמיר וועבן אַ יוגנט־חלום מיט פֿרייד
פֿון אויסגעשטערנטע טונקל־בלויע נעכט,
וואָס פֿינקלען מיט ריינעם צונטער־גאָלד.
חלומות האָבן אויך די שטערן האָלט.

ת״א, יולי 1984

אין שטײַג

דו ביסט נאָך אַלץ פֿאַר מיר
אַ פֿאַרמאַכטע שטײַג.
איך — אַ פֿויגל געפֿאַנגען,
קאָן פֿון דיר נישט אַרויס,
כאָטש דײַן טיר איז אָפֿן
פֿון דײַן פֿרײַען שטײַגנהויז.

ת״א׳ נאָוועמבער 1984

אַ מתּנה

איך האָב זאַפּטיקע רויזן דרײַ
געבראַכט דיר אַ מתּנה:
ווײַסע, צאַרטע רויזן צוויי
און אַ פֿלאַמיק־רויטע איינע,

וואָס זאָלן מיט לײַדנשאַפֿט אָנצינדן
די קאַלטע ליבשאַפֿט דײַנע,
מיט אַ שלייפֿנקנופּ פֿאַרבינדן
אונדזער לאַכן און וויינען.

צום לעצטן מאָל — נאָך הער און הער:
אפֿשר וועט מײַן שטאַרקער ווילן
דיך ווענדן האָבן אין באַגער
און מײַן לײַדנשאַפֿט אָפּקילן.

ת״א, אָקטאָבער 1985

נאָסטאַלגיע

נאָסטאַלגיע — דער עכאָ
פֿון פֿאַרגאַנגענעם לעבן —
הויערט אין תּהום
פֿון אונדזער געמיט.

נאָסטאַלגיע — די בריק
איבערן תּהום,
ווו ס׳גייען צו פֿוס די חלומות
מיט אָפּגעבראָכענע פֿליגל.

ת״א׳ סעפּטעמבער 1984

בענקשאַפט

איך געדענק נאָך דײַן ליכטיק פּנים
פֿון די האַלב־פֿאַרחלומטע אויגן,
וואָס זעען די וועלט אין כמאַרנעם שפּיגל:
טריבע טעג מיט רעגן־בויגנס.

אַ מאָל דו זעסט אין מאָרגן־שפּיגל
שטראַלן זוניקע פֿאַרבאָרגן;
שמייכלען פֿריידיק אויגן דײַנע,
ס׳ווערן נעלם אַלע זאָרגן.

ס׳באַגלייטן גוטע שטערן דיך
איבער אַלע ווײַטסטע ווײַטן.
מיט פֿאַרליבטע שטילע טריט —
צוויי מלאכים בײַ די זײַטן.

ס׳וואַנדערן מיט דיר געדאַנקען
מײַנע אויף לופֿטוועגן איבער ימען,
ווי איך וואָלט דיך הײַנט געאָרעמט —
הערצער צוויי פֿאַרקניפּט צוזאַמען.

איך חלום געפֿאַנגען פֿון דיר
אַפֿילו ווען דו ביסט חדשים ווײַט.
יעדן טאָג קלינגסטו אין מײַן טיר
און ס׳לאַכט אַרײַן צו מיר — די פֿרייד.

✶

ס׳באַגלייט דיך געטריי מײַן האַרץ,
אין מחשבֿות טיף פֿאַרבאָרגן:
פּיקן טויבן צווייפּל־קערנער.
וואָס וואַרקען מיר די טויבן אין פֿרימאָרגן?

ת״א, אָקטאָבער 1984

שפּינען-געוועב

שפּינען־געוועב

מיך געבענטשט האָסט מיט שאַרפֿע אויגן,
ווי זונשטראַלן בלויע אין אַ זומערטאָג,
וואָס האָבן אין נעפּלטעג קלאָר געזען —
וועלטגעשפּענסט אַ וויסטן חלום שפּינען.

טייל מאָל פֿיבערדיק געזוכט דעם זינען,
דאָס רעטעניש, וואָס ס׳האָבן אויסגעשפּינט
גראָ־פֿאַרשטויבטע קריכנדיקע שפּינען.

ת״א, יולי 1985

דער שפּין
(אַלעגאָריש)

זיצט אויף גרינעם ערדבאַלעם
אַ פֿעטער אַטאָמישער שפּין אין נעץ
און זויגט דאָס בלוט פֿון בלינדע פֿליגן.
היי, פּאָעט, ביסט אויך אַ ציניקער
וואָס לאַכט פֿון וועלט, דער גערעכטער,
מיט אַ בײַסיק־ציניש געלעכטער?

לאַכסט אויך פֿון דער חכמה, דער וואַנזיניקער,
וואָס וויגט די וועלט אין אַטאָמוויגן:
שוואַרצע וויגן מיט היפּער־קלוגע, נײַע ליגנס?

קלאָגסט תּמיד אָן דײַן דור, קלוגער פּאָעט,
און בענקסט נאָך אַ מענטשלעכן ניגון,
זוכסט דערלייזונג אין די אָפֿענע ליגנס?...

אין דײַן וויזיע זעסט: אַ שפּין אין נעץ,
וואָס זייגט דאָס בלוט פֿון בלינדע פֿליגן,
צום טויט פֿאַרוויגט אין אַטאָמישע ליגנס.

ת״א, פעברואַר 1963

מלחמות

ס׳רינט בלוט אויף וועגן און בערג פֿון לבֿנון,
פֿון צידון ביז מערבֿ פֿון ביירוטער וועגן.
ס׳זינגען דאָ כּנופֿיות זייער בלוטיקן „הימען״
פֿון שווייס און אַנגסט — אַ רעגן.

מיט צווייפֿל אין האַרץ פֿירן מלחמה
אונדזערע זין מיט פֿינצטערע שׂונאים.
אין ים פֿון טויטן — זוכן נחמה...
ווישן דעם שטויב — דעם בלוטיקן פֿון פּנים.

שטיל איז מײַן פֿרייד פֿון באַזיגן דעם שׂונא.
איך זע די קרבנות אין חלום בײַ נאַכט,
עס שטיקט מיך אַ טרער ווען מאַמעס באַוויינען
די זין, די גיבורים, וואָס פֿאַלן אין שלאַכט.

ת״א, אויגוסט 1982

אין הריגה־טאָל

עס וועט דיר נישט העלפֿן, קרבן,
אין טאָג פֿון הריגה!
דיַין רופֿן צו בליַיענע הימלען —
די טויבע!
אין לבֿנון: איז בין־השמשות
ביַי טאָג,
און אַ בלוטיקער נעפּל...
אין ביירוט!

זע, דעם „צלם אלהים"
האָט די שינאה פֿאַרשיכּורט די חושים,
און נצחון פֿאַרבלענדט זיַינע טריט.
ער איז אַ „ראָבאָט" געוואָרן,
אים ביַיסט נישט ביַי טאָג דאָס געוויסן
און קיין וויסטע חלומות — ביַי נאַכט.

עס האָט נישט געהאָלפֿן דיר, קרבן,
אין טאָל פֿון הריגה
דיַין בעטן צו בליַיענע הימלען,
די טויבע.
אין לבֿנון איז בין־השמשות
ביַי טאָג,
און אַ בלוטיקער נעפּל —
אין ביירוט!

ת"א, סעפּטעמבער 1982

בליצקריג

ווער קאָן דען הײַנט טרייסטן
די טאַטעס און מאַמעס,
וואָס טראָגן מיט צער
אין הערצער קבֿרים
פֿון פֿאַרלוירענע זין,
וואָס קיינער ווייסט נישט,
ווו עס געפֿינט זיך
זייער עלנט געביין.

ווער קאָן דען ניט לעשן
פֿון אַלמנות, פֿאַרשעמטע,
פֿון קינדער־יתומים
דעם גלײַיקן צער,
די נאָגנדיקע בענקשאַפֿט
פֿון פֿאַרפֿאַלענעם טאַטן
אין בליצקריג —
קיין צור...

ווער קאָן דען נאָך גלייבן
די עקזאַלטירטע באַשיצער
וואָס האָבן געהאָגלט
מיט באַפֿליגלטע רייד:
נקמה! שׂונאים!
וועגן אַ בליצקריג
פֿאַר שלום...

געזונגען אין כאָר
און ווי אַ בלינדער קראָט
פֿאַרקראָכן אין אַ בלוטיקן זומפּ,
וואָס פֿיבערט מיט טויט
אַ יאָר,
נאָר אַ יאָר...

הײַנט זינגען פֿייגל אויףביימער
און דעכער
— וועגן אומקום און טרויער
אַלץ העכער און העכער.

ת״א, יולי 1983

קראָען

דו האָסט מיך מיט אויערן־אַנטענעס
און מיט אַ שאַרפֿן בליץ־געהער געבענטשט.
אַפֿילו אין ווינטערנעכט,
אין טיפֿן שלאָף דאָס געזאַנג געהערט
פֿון פֿאַרליבטע פֿייגל — דיכטער —
צום באַשעפֿער פֿון דער גרינער וועלט.

כ'האָב זייער בענקשאַפֿט דערפֿילט,
די דיכטער־שירה גוט פֿאַרשטאַנען.
פֿאַרגעסן: אויך קראָען שוואַרצע
אויף דער וועלט פֿאַראַנען.

ת"א, יולי 1985

אין חלום

ווען עס שרעקט דיך בײַ נאַכט
אַ שאָטן פֿון חלום,
וואָס קוקט דורך דער שויב —

שרעק זיך נישט, מײַן קינד,
שלאָף ווײַטער, אײַנגעהילט אין נאַכט:
איבער דיר דײַן טאַטע, ווי אַ שטערן וואַכט.

אין שויב פֿון דײַן פֿענצטער
כ׳וועל שטיין אויף דער וואַך
קעגן אַלע נאַכט־געשפּענסטער.

ת״א, מאַי 1977

געבעט

פֿון גאָלדענעם עלטער — טיפֿן טײַך —
איך װעל אַ מאָל מיט לעצטע כּוחות
צום שטילן ברעג דערשװימען.
זאָל מיר די זון, װי אַ מלאך
מיט פֿליגלפֿאָך העל באַלײַכטן
דעם װײַטן װעג, דעם לעצטן,
מיט פֿאַרדרײטע סטעזשקעלעך.
דאָרטן, דעם טאָל פֿון אײביקײט געפֿינען
און, װי אַ פֿױגל לײַכט אַהין אַנטרינען —
איז מײַן געבעט.

ת״א׳ אױגוסט 1984

פיר־שורהדיקס

*

וועלט, ביסט מיר נאָענט, פֿרעמד און ווײַט.
צײַט, דו לעבסט, אָטעמסט טיף אין מיר.
חלומות — געבונדן מיט דורות אַ קייט
פֿון ליבשאַפֿט — אין מיר.

ת״א, יולי 1984

אַ בן־שמונים

צו אַכציק — אַן אָפּגעצערטער, גרינער בוים.
פֿון אייביקייט גענאַשט אַ קליינעם פֿונק פֿון טרוים.
ווי אַ זומערטאָג אין טונקל־בלוי פֿאַרגייט
זײַן צעבליטער קאָפּ — צום בלויקייט ער פֿאַרנייגט.

ת״א, נאָוועמבער 1984

קאַלירטע טעג

טאָגקאָלירן זיך טוישן האָבן האָלט
אין קרײַזיקן גאַנג, אַלע צײַטן פֿון יאָר.
פֿון מאָרגנס ראָזן רויט אויף זוניקן גאָלד
פֿון טאָג — גרויער פֿאַרנאַכט און בלויער קאַיאָר.

ת״א, אָקטאָבער 1983

טאָג און נאַכט

פֿון פּעביקער נאַכט שפּראָצט אַרויס דער טאָג.
ס׳פֿינקלט שטערנגאָלד אין בלויקייט פֿון קאַיאָר.
די זון וועקט אויף דאָס זומערגראָז אין פֿעלד,
וואָס גרינט אין מיטן טאָג און קוועלט.

וואַרשע, 1948

אין וואַנדער

איך וואַנדער לאַנגע טעג איבער געטאָ־גאַסן ווײַטע.
פֿון נאָענטע איך זוך די שׂרידים, די צעזייטע.
איך קאָן אין ערגעץ דאָ געפֿינען מער קיין שפּור.
ס׳זענען דורות אויסגעברענטע אַש געוואָרן דאָ.

ת״א, נאָוועמבער 1983

געוויין

עס וועט נישט העלפֿן קיינעם דאָס געוויין,
ווי ס׳בעטן אויף רעגן אין זוניקע טעג.
שטאַרבן איז די שאָטנזײַט פֿון לעבן,
דער סוף פֿונעם נאַטירלעכן וועג.

ת״א, נאָוועמבער 1983

אומעט

כאָטש דו זעסט מיך פֿריידיק תּמיד,
ווי אַ יונגער קונדס סתּם אַזוי —
טיף אין האַרצן פֿליסט פֿון אומעט
אַ טרער — צעפֿינקלט, ווי אַ מאַרגנטוי.

תּ״א, יולי 1983

געבוירן־טאָג

געבוירן אין יאָר פֿון מלחמה
מיט פֿלעקן פֿון בלוט אויפֿן פּנים.
זיך געבאָדן אין טײַך פֿון נקמה —
אין הערשער, מלחמה, תּלינים!

תּ״א, מאַרץ 1984

אין־סוף

איך זוך דעם אייביקן אין־סוף,
זע קיין מאָל נישט קיין ענד.
אין מײַן פּנים זע איך אָפּט
בלויז דײַן בלויען בלענד.

תּ״א, יולי 1983

אינהאַלט

אין היימישן גאָרטן

9 בענקשאַפט אין געזאַנג
10 שענק מיר אַ בעכער ליכט
12 פריידגעזאַנג
13 אַ ווינטעלע
14 אַ גילגול
16 אַ בוים אין טרויער
17 אַ לאַנד אַזאַ
18 אַ שפּאַס
19 אַ היימלאָז קעצעלע
20 קינאה־שינאה
21 ירושלים
22 אויפגאַנג
24 אויפן וועג פון באר־שבע

שיינע וועלט

27 שיינע וועלט
29 אַ דאַנק דיר, לעבן
30 שפּילערייען
31 מיין יידיש לשון
32 ליד
33 דאָס פּשוטע ליד
34 מידקייט
35 כ׳גלייב אין ליד
36 אין בלויען שפּיגל
37 אַ שטראַל פון ליכט
38 מיט שלום־עליכמען
39 די שלום־קאַרוזעלע
40 מאַמע־ערד
42 דער אָדלער און דער חלל
44 וועטגעיעג

פּוילן

47 1941—1939, יזכור־ליד
49 אונדזער נאַרעוו
51 פּאַווע פון מיין דיכטערטרוים
53 געזעגענונג
54 ווען געטאָ־וואַרשע האָט געברענט
55 דערוואַכונג
56 אַ גוט־מאָרגן, גענעראַל יורגען סטראָפּ
58 וואַרשע
59 טראַטוואַרן
60 ביים טאַטן אין סאָד
61 מיין טאַטע דאַוונט אין סאָד
62 אַ בוים אין סאָד
64 ראַנדעלע נאַר
67 געוויין פון דורות
68 באַלאַדע וועגן אַ דינסטמיידל
69 פייגל
70 איך גיי...

ליבשאַפט

73 ליבשאַפט
74 ער און זי
76 צו אַ יידישער פרוי
77 צאַרטקייט
78 ליבע־ציטער
79 ליבשאַפט אין פאַרגיין
81 אומשולד
82 צעשיידונג
83 פאַר וואָס ?
84 בואי אחותי כלה
85 ביי לבנה־ליכט
87 ליבשאַפט און באַדויער
88 דאָס שוואַנענליד
89 אַ פּאַווע אויפן וועג
91 ווען איך חלום
92 אין שטייג
93 אַ מתנה
94 נאָסטאַלגיע
95 בענקשאַפט

שפּינען־געוועב

99 שפּינען־געוועב
100 דער שפּין
101 מלחמות
102 אין הריגה־טאָל
103 בליצקריג
105 קראָען
106 אין חלום
107 געבעט
108 פיר־שורהדיקס

ביכער פון זעלבן מחבר

אין הויז פון חלומות

לידער

פאַרלאַג „המנורה״, תּל־אביב, תשכ״ז—1967

באַשערטקייט

לידער

פאַרלאַג י.־ל. פּרץ, תּל־אָביב, תשל״ח—1978

שטערן פאַלן

לידער און פּאָעמעס

ה. לייוויק־פאַרלאַג, תּל־אָביב, תשמ״ב—1982